**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL אנאנסירט נאענט צו 50,000 טיקעטס פארטיילט דורכאויס סטעיט-ברייטע 'סופּער באָול' אינפארסירונג קאמפיין**

***8,536 טיקעטס פארטיילט אריבער די סטעיט פאר ספּיעדינג***

***1,021 טיקעטס פארטיילט אריבער די סטעיט פאר שיכור'ע דרייווען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אריבער די סטעיט האבן פארטיילט 49,948 טיקעטס פאר פארשידענע וויהיקל און טראפיק געזעץ פארלעצונגען, אריינרעכענענדיג 1,021 טיקעטס פאר שיכור'ע דרייווען, דורכאויס א סטעיט-ברייטע קאמפיין ארום די 'סופּער באָול' פייערונגען. די קאמפיין איז געלאפן פון מאנטאג, פעברואר 3, 2025 ביז זונטאג, פעברואר 9, 2025.

"ניו יארק טאלערירט נישט שיכור'ע אדער לייכטזיניגע דרייווערס וועלכע שטעלן אין סכנה זיך אליין און אנדערע וועלכע טיילן מיט די שאסיי", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך באדאנק אונזערע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן פאר זייער וואכזאמקייט מיטן אראפנעמען די מענטשן פון אונזערע שאסייען."

טשעקפּוינטס צו זעהן אויב דרייווערס זענען ניכטער און פארמערטע פאטראלן צו אנטמוטיגן, כאפן און ארעסטירן שיכור'ע דרייווערס זענען דורכגעפירט געווארן דורכאויס די קאמפיין דורך סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן.

אלץ א טייל פון די ענפארסירונג, געזעץ ענפארסירונג אפיצירן האבן אויך געצילט ספּיעדינג און אגרעסיווער דרייווער איבערן סטעיט. פאלגנד זענען די דעטאלירטע ציפערן פון די סך הכל טיקעטס וואס זענען פארטיילט געווארן.

| **פארלעצונג** | **צאל טיקעטס** |
|---|---|
| שיכור'ע דרייווען | 1,021 |
| אומאויפמערקזאמע דרייווען | 1,914 |
| שטעלט זיך אפ ביי די זייט | 227 |
| ספּיעדינג | 8,536 |
| סיעטבעלט | 1,083 |
| אנדערע פארלעצונגען | 37,167 |
| **סך הכל** | **49,948** |

**דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וועהיקלס (Department of Motor Vehicles) קאָמישאַנער און GTSC פּאַרזיצער,Mark J.F. Schroeder (מאַרק דזש. פ. שרעדער), האָט געזאָגט,** "די רעזולטאַטן פון די קאַמפּיין ווייזן אַרויס די נויט פאַר די אינפאָרסירונג קאַמפּיינען וועלכע מוטיגן זיכערע פייערונגען. מאַכן די ריכטיגע באַשלוס איז אַ גרינגע באַשלוס. מאַכט אַ פּלאַן פאַר אַ ניכטערע רייזע היים. עס איז נישט ווערט די סכנה פון אַרעסט, פאַרוואונדעט ווערן אָדער טויט."

**ניו יאָרק סטעיט פּאָליציי (New York State Police) סופּעראינטענדענט, Steven G. James (סטיווען ג. דזשעימס), האָט געזאָגט,** "די פאַרוואונדונגען און טויטפעלער וואָס ווערן פאַראורזאַכט דורך דרייווערס אונטער די איינפלוס און אַנגעטרונקען זענען אינגאַנצן פאַרמיידליך. דורך פאַרגרעסערטע אויפקלערונג און אינפאָרסירונג, בלייבט די ניו יאָרק סטעיט פּאָליציי פאַרפליכטעט צו האַלטן ניו יאָרק'ס שאָסייען זיכער דורכן אַנטמוטיגן, כאַפּן און אַרעסטירן שיכור'ע דרייווערס. איך באַדאַנק אונזערע געזעץ אינפאָרסירונג שותפים ביי די דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וועהיקלס פאַר זייער שותפות ביים באַקעמפן דרייווען אַנגעטרונקען און אונטער די איינפלוס."

דורכאויס די 2024 'סופּער באָול' סוף וואָך קאַמפּיין, האָבן געזעץ אינפאָרסירונג אָפיצירן אַרעסטירט 262 מענטשן פאַר שיכור'ע דרייווען און געגעבן 8,388 טיקעטס אין סך הכל.

**שעטאַקוואַ קאַונטי שעריף און פּרעזידענט פון די NYS Sheriffs' Association, James Quattrone (דזשעימס קוואַטראָון), האָט געזאָגט,** "האָפּנטליך האָט יעדער הנאה געהאַט פון די סוף וואָך פון די 'סופּער באָול'. מיליאָנען מענטשן האָבן געזעהן די גרויסע שפּיל און האָבן געמאַכט די קלוגע אויסוואַהל נישט צו דרייווען שיכור. צום באַדויער, האָבן טייל מענטשן אַריינגעלייגט אין סכנה זיך אַליין, זייערע פּאַסאַזשירן און אַנדערע מענטשן אויפן שאָסיי דורכן דרייווען אונטער די איינפלוס פון אַלקאָהאָל אָדער דראַגס. געזעץ אינפאָרסירונג האָט געגעבן טיקעטס פאַר- און אַרעסטירט פילע פון די געפערפולע דרייווערס. די שעריפס פון ניו יאָרק סטעיט ווילן אַז איר זאָלט הנאה האָבן פון די נישט אַקטיווע סעזאָן, און מיר באַדאַנקען אַלע פון אייך וועלכע האָבן געמאַכט די אויסוואַהל נישט צו דרייווען שיכור'ערהייט."

די שיכור'ע דרייווען אינפאָרסירונג קאַמפּיין איז איינס פון די עטליכע קאָאָרדינירטע איניציאַטיוון געספּאָנסאָרט דורך די גאָווערנער'ס טראַפיק זיכערהייט קאָמיטעט (Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) צו רעדוצירן טראַפיק עקסידענטן צוליב אַלקאָהאָל און אַנדערע דראַגס. די געצילטע מאָביליזאַציעס שטעלן צו רעסאָרסען פאַר געזעץ ענפאָרסירונג איבערן סטעיט צו צילן מינדער-יעריג טרינקען און פאַרמערן DWI פּאַטראָלן און ניכטערקייט טשעקפּוינטס דורכאויס די קאַמפּיין פּעריאָד. אַנדערע שיכור'ע דרייווען קאַמפּיינען ווערן אָפּגעהאַלטן אַרום סעינט פּעטריק'ס דעי, אינדעפּענדענס דעי, לעיבאָר דעי, האַלאָווין, טענקסגיווינג און תקופות פון אויגוסט ביז סעפּטעמבער און פון דעצעמבער ביז יאַנואַר.

ניו יאָרקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אַן אַדיקשאָן אָדער וועמען'ס באַליבטע מוטשענען זיך דערמיט קענען טרעפן הילף און האָפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס טאָל-פרייע HOPEline האָטליין, 24 שעה אַ טאָג, 7 טעג אַ וואָך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אָדער דורכן טעקסטן HOPENY (קאָוד פאַר 467369).

אַדיקשאָן באַהאַנדלונגען וואָס זענען דאָ צו באַקומען, אַריינרעכענענדיג קריזיס/דיטאַקס, אין-פּעישענט, קאָמיוניטי אַנשטאַלט אָדער אַוט-פּעישענט קעיר, קענען געפונען ווערן נוצנדיג די NYS OASAS Treatment Availability Dashboard אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אָדער דורך די NYS OASAS וועבזייטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער די GTSC, באזוכט trafficsafety.ny.gov/ אדער פאַלאָוט די GTSC שמועס אויף Facebook און X (וואס פלעגט הייסן Twitter).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן